ש״ס, וואו מען זאָל לערנען בצבור דעם דף יומי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון אגודת ישראל; אויך זאָל מען פאַרשטאַרקען דאָס לערנען פון אַנדערע למודים אין די שוהלען און בתי מדרשים, אזוי ווי אידען האָבען זיך נוהג געווען תמיד.

די קאָנפערענץ פאָדערט אויף אלע אידען פון לאנד, אונטערצושטיצען די גרויסע מוסדות התורה פון לאנד, ווי ישיבת תורה ודעת, ישיבת רבנו יצחק אלחנן, בית מדרש לתורה אין שיקאַגאָ, ישיבת טעלז אין קליוולאַנד, מרכז ישיבות תומכי תמימים ליובאַוויטש, ישיבת רבנו חיים בערלין, ישיבת תפארת ירושלים, ישיבת נר ישראל, ישיבת בית יוסף, ישיבת רבנו ישראל מאיר הכהן, ישיבת רבנו יעקב יוסף, ישיבת רבנו חיים עוזר, ישיבת לובלין וישיבת רבנו שלמה קליגער א. א.

7). די קאָנפערענץ באַשליסט צו ווענדען זיך מיט אן אויפרוף צו אלע אידען אין אמעריקאַ, און זיי אויפקלערען דעם טרויעריגען מצב, אין וועלכען מיר געפינען זיך איצט, און זיי וועקען צו תורה, תשובה און מעשים טובים. אין דעם אויפרוף זאָל ווערען אָנגעוויזען, אז מען דארף פארריכטען דאָס פרצות, וואָס איז גורם אלע צרות אויף אידען, אז מען דארף פארשטאַרקען שמירת שבת, די אידישע טעכטער זאָלען געהן אָנגעטאָן מיט צניעות, טהרת המשפחה זאָל אָפּגעהיט ווערען, און א פולקאָמענע אידישע ערציהונג זאָל ווערען געזיכערט. די אידישע שוהלען און בתי מדרשים זאָלען ווידער באַקומען זייער הייליגקייט, און א מחלל שבת ועובר על דת זאָל נישט קענען זיין א פרעזידענט אָדער א גבאי אין א אידישער קהלה, נאָר אין דער שפּיץ פון יעדער אידישער קהלה זאָל שטיין א איד, וואָס איז שומר תורה ומצוות.

כדי דאָס צו פארשטאַרקען רופט די אגודת ישראל אלע פרומע אידען אפילו פון אַנדערע פּאַרטייען, וואָס שטעהען אויף דעם יסוד פון שמירת התורה והמצוות, זיי זאָלען מיטהעלפען אין דער דאָזיגער הייליגער ארבייט, לקדש שם שמים, ולרומם קרן התורה; עס ווערט פאָרגעשלאָגען אויסצוּוועהלען א קאָמיטע פון 25 מיטגלידער, 5 פון ניו יארק און 20 פון אַנדערע שטעט, כדי צו באַטראַכטען די מיטלען, ווי־אזוי דאָס אידישקייט צו פארשטאַרקען אין לאַנד.

די קאָמיטע וועט טהון אלעס וואָס עס וועט באטראכט ווערען פאר וויכטיג צו פארשטאַרקען אידישקייט, און פאראייניגען אלע אידישע כחות מיט דעם איינציגען ציעל צו פארשפּרייטען למוד התורה ומצוות ומעשים טובים, צווישען אידען.

8). די קאָנפערענץ ווענדעט זיך צום ערשט צו די חברים פון אגודת ישראל, אז זיי זאָלען אָנפאנגען ביי זיך אליין, און זאָלען וויסען, אז פרויען וואָס געהען אין גאס אָפּגעדעקט מיט די אייגענע האָר אויפ׳ן קאָפּ, זיינען עובר אויף א איסור דאורייתא, און אויך זאָלען זיי זיין די ערשטע מקדש צו זיין שם שמים ברבים, ביי זיך אין הויז, און געבען זייערע קינדער א עכט־אידישע ערציהונג אין הויז און אין דער ישיבה.

9) די קאָנפערענץ באשליסט צו באַקעמפען די הפקרות וואָס עס הערשט אין דעם ענין פון ברית מילה, וואָס עס ווערט געטאָן דורך מאַשינען אָדער דורך גוים און פארשידענע אומבאַרופענע, וואָס דאָס איז געגען דעם דין, און באַשליסט אז מען זאָל זעהן צוריקגעבען די וויכטיגע מצוה דעם אלטען געשטאַלט, אזוי ווי דער דין איז.

10), עס ווערט אויסגעדריקט א דאַנק צום טשערמאַן פון פארברייטונגס־קאָמיטע מר. י. מ. פירסטענבערג און אויך צו דעם בורשטינער רבי שליט״א פאר זייער גרויסע און גוטע ארבייט צו פארזיכערען דער קאָנפערענץ אן ערפאָלג.

## רעזאָלוציעס וועגען שמירת שבת

די קאָנפערענץ „למען חזוק היהדות״ באַשליסט:

1) צו מאַכען א שטאַרקע באוועגונג צווישען אלע שיכטען אידען אָפּצוהיטען דעם שבת אזוי ווי דער דין איז, און באַקאַנט צו מאַכען דעם מאמר חז״ל, אז אויב די אידען וועלען אָפּ־